ב"ה

# אוצר המועדים

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## שבועות

שנת תשע"א

**במדרש: כיון שאמר הקב"ה אנכי ד׳ אלקיך פתח ואמר ברוך שלא עשני גוי:** לכאורה וואס האט עס א שייכות?

מען קען ענטפערן ווען די אידן האבן געזינדיגט ביים עגל האט דער אייבערשטער געוואלט פארלענדען די אידן, האט משה געזאגט אז דו האסט דאך צוגעזאגט פאר אברהם **ואעשה אותך לגוי גדול,** האט אים דער אייבעשטער געענטפערט אז איך וועל דיך מאכן פאר א גרויס פאלק, האט משה רבינו געטענה'ט **לי צוית ולא להם,** אז די האסט געזאגט **אנכי ד׳ "אלקיך"** מיט א לשון יחיד.

קומט אויס אז וויל הקב"ה האט געזאגט אלקיך בלשון יחיד האט ער נישט פארלענדט די אידן, און נישט געמאכט משה רבינו פאר א גרויס פאלק.

דאס איז פשט אין מדרש **כיון שאמר הקב"ה אנכי ד׳ אלקיך** מיט א לשון יחיד במילא וועט מען דאך נישט פארלענדן די אידן, ווען דעם **פתח ואמר ברוך שלא עשני גוי,** אז די האסט מיך נישט געמאכט פאר א גוי גדול. (יגל יעקב)

עס איז ידוע די קשיא פונעם מגן אברהם וואס פרעגט ווי אזוי זאגן מיר שבועות ביים דאווענען **'זמן מתן תורתינו',** מיר פסק'ענען דאך ווי רבי יוסי אז ז׳ בסיון נתנה תורה.

ענטפערט דער **עצי חיים** זי"ע (ח"ב דרושים פר׳ יתרו) ווייל לכאורה איז שווער ווי אזוי האט משה רבינו געקענט אפהאלטן פון קבלת התורה אפילו נאר איין טאג, נאר די גמרא זאגט אין מס׳ יבמות (דף פ"ט ע"ב) אז בי"ד האט א כח עוקר צו זיין א זאך פון די תורה, ממילא האט משה רבינו אויך געקענט עוקר זיין א זאך וואס ער האט פארשטאנען אז עס איז ריכטיגער אז די אידן זאלן מקבל זיין די תורה ז׳ בסיון, ווי די גמרא

### ענינים וטעמים

**ראש חודש - שלשת ימי הגבלה**

פון ראש חודש סיון זאגט מען נישט קיין תחנון ביז י"ג סיון (מג"א סי׳ קל"א ס"ק י"ח).

דער צווייטער טאג אין חודש סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס" ווייל אין דעם טאג האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו ע"ה די פרשה פון "והיתם לי סגולה מכל העמים" און דעמאלטס זענען די אידישע קינדער געווארן 'מיוחסים' איבער אלע אנדערע פעלקער.

דריי טעג פאר שבועות ווערן אנגערופן שלשת ימי הגבלה, וואס אין יענע דריי טעג פאר מתן תורה האבן זיך אידישע קינדער אפגעשיידט פון אלע אומריינע זאכן, און זיך צוגעגרייט צו קבלת התורה.

עס איז א מצוה זיך אפצושערן די האר פון קאפ ערב יום טוב, כדי ער זאל נישט אריינגיין אינעם יו"ט מיט גרויסע האר וואס דאס איז מיאוס (שו"ע הרב סי׳ תקכ"ט ס"א).

**גראזן און בלומען**

עס איז א מנהג צו לייגןביימער אין די בתי מדרשים אלס זכר צו וויזן אז שבועות משפט מען די ביימער, און אז מען זאל

זאגט שוין דעם טעם אין מס׳ שבת (דף פ״ז).

לויט דעם קען זיין אז די גמ׳ זאגט אין יבמות (דף צ׳ ע״ב) אז דאס וואס בי״ד קען עוקר זיין א זאך פון די תורה, דאס איז נאר ביי א **שב ואל תעשה**, אבער ביי א **קום ועשה** קען דאס נישט זיין, קומט אויס אז ביי א מצות עשה וואס אויב מ׳טוט דאס נישט איז מען עובר א עבירה בשב ואל תעשה, דאס האט משה רבינו יא געקענט עוקר זיין און צולייגן א טאג מדעתו, ווייל בשב ואל תעשה קען ער דאך עוקר זיין א דבר מה״ת, אבער ביי א **לא תעשה**, וואס אויב ער איז דאס עוקר איז דאס דאך א קום ועשה, קענען די רבנן דאס נישט דוחה זיין, ממילא האבן אידן נישט געטארט עובר זיין אויף קיין שום לא תעשה ו׳ סיון, וואס דעם טאג האט השי״ת באשטימט פאר קבלת התורה.

מיט דעם פארשטייט מען אז כאטש אין ז׳ בסיון איז געגעבן געווארן די תורה, אבער וויבאלד מ׳איז געווען נזהר נישט עובר צו זיין אויף קיין ל״ת אויך ו׳ סיון, קען מען דאס אויך רופן זמן מתן תורתינו ווייל אלס דעם זמן זענען זיי געווען אסור בעשיית מלאכה.

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין די קשיא וואס אסאך פרעגן אז ביי די עשרת הדברות שטייט קודם **אנכי ה׳ אלקיך** און נאכדעם די ל״ת פון **לא יהיה לך**, און אין תהילים האט דוד המלך קודם געשריבן **לא יהיה בך אל זר**, און נאכדעם **אנכי ה״א המעלך מארץ מצרים**, לויט דעם פארשטייט מען דאס זייער גוט, ווייל אין די תורה נאך איידער משה רבינו האט מוסיף געווען א טאג מדעתו שטייט קודם די מצות עשה און נאכדעם די ל״ת, אבער דוד המלך איז דאך שוין געווען שפעטער, נאכדעם וואס משה רבינו האט מוסיף געווען דעם טאג מדעתו, איז דאך קבלת התורה הערשט געווען ז׳ סיון און די אידישע קינדער האבן קודם מקיים געווען די לא תעשה ביום ו׳ און נאכדעם די עשה ביום ז׳, וועגן דעם האט ער מקדים געווען די ל״ת.

**במדרש כשנתנה תורה לישראל נתקבצו אומות העולם אצל בלעם, ואמרו לו מה קול ההמון הזה, שמא מבול בא לעולם שנאמר ד׳ למבול ישב, אמר להם ד׳ עז לעמו יתן, מיד פתחו כלם ואמרו ד׳ יברך את עמו בשלום.**

איז שווער פארוואס האבן זיי געמיינט אז עס קומט א מבול זיי האבן דאך געוואוסט אז דער אייבערשטער גייט געבן די תורה פאר די אידן, ווייל פאר דעם האט ער זיי געפרעגט צו זיי ווילן די תורה ?

## ענינים וטעמים

בעטן אויף גוטע פירות, וועגן דעם לייגט מען דאס אין בית המדרש דארט וואו מען דאווענט (מג״א סק״ה, שועה״ר סט״ו).

עס איז א מנהג צו לייגן גראז מיט בלומען אין די בתי מדרשים און די הייזער אלס זכר צו ווייזן אז אויפן בארג סיני איז געווען גראזן מיט בלומען. ווייל ווען דער אייבערשטער האט אראפגענידערט אויפן בארג סיני צו געבן די תורה, האט אנגעהויבן צו וואקסן אויפן בארג שמעקעדיגע בלומען און גראז (אבני המקום-אות ל״ב). אויך די ספר תורה טוט מען באצירן מיט בלומען (בני יששכר מאמרי חו׳ סיון מאמר ד׳ אות ז׳).

עס ווערט געברענגט נאך א טעם פארוואס מען לייגט גראז אין בית המדרש, ווייל משה רבינו איז געבוירן ז׳ אדר, ווען ער איז אלט געווען דריי חדשים, דאס איז ז׳ סיון, שטייט אין פסוק ׳ותשם בסוף על שפת היאור׳, אז מען האט אים געלייגט צווישן די הויכע גראז ביים בארטן פון טייך, וואס א דאנק דעם איז משה רבינו ניצול געווארן און מיר האבן זוכה געווען צו קבלת התורה, ולזכר צו דעם לייגט מען גראז אין ביהמ״ד.

נאך איז שווער וואס האבן זיי געענטפערט **ד׳ יברך את עמו בשלום.**

מ׳קען ענטפערן לויט די טעם אויף וואס די גמרא (שבת פ״ז) ברענגט, **הוסיף משה יום אחד מדעתו,** לויטן מדרש אז דער אייבערשטער האט געבענטש די אידן ביי קבלת התורה מיט זיבן ברכות, תורת **חיים, אהבת חסד, צדקה, ברכה, רחמים, חיים, שלום,** און דאס האט ער געבענטש פון ראש חדש סיון יעדן טאג איין ברכה.

וועגן דעם ווען עס איז אנגעקומען ו׳ סיון האט משה געזען אז עס פעלט נאך די ברכה פון שלום, און עס שטייט דאך אם אין שלום אין כלום, האט ער צוגעלייגט נאך איין טאג וואס אזוי האט מען זיי אויך געבענטש מיט די ברכה פון שלום.

די גמרא (שבת פ״ח) ברענגט אויפן פסוק **ויהי ביום השישי** ה׳ יתירה למה לי? מלמד שהתנה הקב״ה עם מעשה בראשית, ואמר להם אם ישראל מקבלים התורה מוטב, ואם לאו אחזיר אתכם לתהו ובהו.

לויט דעם איז שוין אלעס פארענטפערט, ווייל די אומות העולם האבן געמיינט אז מען וועט געבן די תורה ו׳ סיון אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט, און ווען עס איז אריבער און מען האט נישט געגעבן די תורה האבן זיי געמיינט אז עס גייט קומען א מבול ווייל די וועלט גייט צוריק חרוב ווערן, אזוי ווי דער אייבערשטער האט זיך אויסגענומען, האט זיי בלעם געענטפערט אז עס איז נישט אמת, ווייל **ד׳ עז לעמו יתן,** אז דער אייבערשטער געבט זיי יעצט די תורה מיט איין טאג שפעטער, איז זיי שווער געווארן פארוואס האט ער עס נישט געגעבן מיט איין טאג פריער אזוי ווי ער האט געוואלט, נאר ווייל ער זאל זיי קענען בענטשען מיט די ברכה פון שלום, וועגן דעם האבן זיי געזאגט, **ד׳ יברך את עמו בשלום.** (דברי מהרי״א)

### ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד:

זאגט דער **בעלזער רב רבי יושע זצ״ל** לויט דעם דרש אין די גמרא אין מס׳ שבת (דף פ״ח ע״א) וואס לערנט ארויס פונעם פסוק **כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים,** אז אידישע קינדער זענען צוגעגליכן צו אן עפל, פונקט ווי א עפל קומט די פרי פארן בלעטל, אזוי אויך אידישע קינדער האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע. פרעגט תוס׳ (ד״ה פריו) לכאורה דער פסוק גייט ארויף אויף כביכול דער רבש״ע איז צוגעגליכן צום עפל, נישט כלל ישראל.

נאר דער מדרש זאגט אז ווען אידן האבן מקדים

### ענינים וטעמים

**מעריב**

אפילו די וואס זענען נישט מקפיד א גאנץ יאר צו דאווענען מעריב נאכן זמן פון ר״ת, אבער שבועות ביינאכט דאווענען זיי אויך שפעטער, כדי עס זאל זיכער זיין שבע שבתות ״תמימות״, זיבן גאנצע וואכן פון ספירה (שועה״ר סי׳ תפ״ח ס״ב).

**תיקון ליל שבועות**

שבועות ביינאכט פירט מען זיך אז מען איז אויף א גאנצע נאכט, און מען זאגט תיקון ליל שבועות. דער טעם איז ווייל ביי מתן תורה זענען די אידן פארשלאפן און השי״ת האט געווארט ביים בארג סיני ביז זיי זענען אנגעקומען, כדי דאס מתקן צו זיין זענען מיר אויף א גאנצע נאכט. עס זענען דא וואס פירן זיך צו לערנען שבועות ביינאכט מסכת ביכורים, וואס דורכדעם קען מען מקיים זיין מצות ביכורים היינטיגע צייטן אויך (ליקוטי צבי).

עס שטייט אין זוהר הק׳ אז די חסידים הראשונים האבן א גאנצע נאכט געלערנט תורה. אין חסיד׳ישע ספרים ווערט ארומגערעדט איבער דאס חשיבות פון נישט רעדן קיין שום דברים בטלים, פון ווען מען זאגט ״ברכו״ ביי מעריב, ביז אינדערפרי ביי מוסף ביז נאך ״כתר״.

געווען נעשה פאר נשמע, האט דער אייבערשטער געזאגט איך וועל אויך אזוי טון, ווי דער פסוק זאגט (ישעי' ס"ה כ"ד) **והיה טרם יקראו ואני אענה, עוד הם מדברים, ואני אשמע**, קומט אויס אז דער רבש"ע האט אויך מקדים געווען נעשה פאר נשמע.

דאס זאגט דער פסוק **כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים**, אזוי ווי אידישע קינדער וואס זענען נמשל לתפוח האבן מקדים געווען עשי' לשמיעה, אזוי האט אויך דער אייבערשטער מקדם געווען נעשה לנשמע.

דאס זאגט דער פייט **נעשה ונשמע אמרו**, האבן אידישע קינדער געזאגט, **כאחד** אזוי ווי דער רבש"ע דער אחד יחיד ומיוחד וואס האט אויך מקדים געווען עשי' לשמיעה.

**כל הימים טובים מרומזין בחג השבועות:**

דער הייליגער **קדושת לוי** זאגט אז אלע ימים טובים זענען מרומז אין יו"ט שבועות, ווייל דאס איז זמן מתן תורתינו, און אין די תורה זענען דאך נכלל אלע ימים טובים. ממילא מוז זיין אז בשעת מ'האט געגעבן די תורה האט מען שוין מרמז געווען דערין אלע ימים טובים.

**ראש השנה:** ווייל ביי מתן תורה האט מען געבלאזן מיט א שופר.

**יום כיפור:** דער ירושלמי זאגט אז מ'איז מוחל פון א חתן אלע עבירות, און די זעלבע אויך אויך פאר א כלה, חז"ל זאגן (תענית פ"ד מ"ח) אז מתן תורה איז אזוי ווי א חתונה, ממילא קומט אויס אז כלל ישראל איז ווי א כלה ביי מתן תורה און מ'איז מוחל די עבירות אזוי ווי יום כיפור.

**סוכות:** אין די סוכה זיצט מען אונטער די פליגל פון די שכינה, אזוי ווי ביי מתן תורה ווען אידן זענען געזעצן אונטער די פליגל פון די שכינה. אזוי אויך ליגט דערין דער רמז צו נטילת לולב עפ"י סוד.

**פסח:** האט אויך די זעלבע כוונות ווי שבועות ווי דער אריה"ק זאגט אז שבועות איז דער אכטער טאג פסח, אזוי ווי שמיני עצרת פון סוכות.

**ענינים וטעמים**

ווער עס שלאפט נישט די גאנצע נאכט, איז פארזיכערט אז ער וועט דורך לעבן דאס יאר בשלום, און עס וועט אים נישט געשען קיין שאדן (שו"ע האר"י ז"ל).

**אהבה רבה**

מען האט מגלה געווען פארן הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז די סיבה פארוואס משיח צדקינו איז נאכנישט געקומען איז ווייל מען זאגט אהבה רבה זייער שנעל, און מען האט נישט אינזינען די ריכטיגע **כונה** (ספה"ק תולדות יעקב יוסף פר' ויקהל).

דעריבער איז דער יום טוב שבועות דער זמן פון קבלת התורה די צייט אז מען זאל מתפלל זיין און שטארק אינזין האבן ביי 'אהבה רבה' אז דער אייבערשטער זאל באלייכטן די אויגן מיט די תורה הק'. ביי רבותינו הק' זי"ע האט מען ביי "אהבה רבה" מאריך געווען גאר לאנג מיט א גרויס התעוררות, זינגענדיג דעם באקאנטן "אהבה רבה ניגון" פון הרה"ק רבי ר' הערש פון רימאנוב זי"ע.

אויסער דעם שטייט אין ספרים הק' אז שבועות איז א שטארקע עת רצון וואס מען קען אסאך אויסבעטן, באזונדער צו פארשטיין די הייליגע תורה, און צו זיין אן אמת'ער ערליכער איד, זאל השי"ת מקבל זיין אונזערע תפילות ברחמים וברצון.

**אקדמות**

עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל אז שבועות פארן ליינען זאגט מען בציבור 'אקדמות' פסוק בפסוק, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט אין מורא'דיגע ווערטער דאס חשיבות פון כלל ישראל קעגן די גוים ווען זיי זענען דבוק אין באשעפער און אין די תורה.

# דרוש לשבועות

אין משלי שטייט **פיה פתחה בחכמה, ותורת חסד על לשונה:** אין מדרש ווערט געדרש'נט די גאנצע קפיטל פון אשת חיל אויף שרה.

ס'שטייט אין פסוק **ויקח חמאה וחלב ובן הבקר אשר עשה.** זאגט רש"י פארוואס האט מען נישט געגעבן ברויט. ווייל שרה איז טמא געווארן, און זי האט מטמא געווען די ברויט.

לכאורה איז שווער עס איז דאך געווען ערב פסח און מען מעג עסן נאר מצה עשירה וואס דאס ווערט געקנעטן נאר מיט מי פירות, און מי פירות איז דאך נישט מכשיר לקבל טומאה, במילא איז דאך די ברויט נישט טמא געווארן. קען מען ענטפערן אז שרה האט דאך געזאגט אז מען זאל נעמען סלת, און די גמרא זאגט אין פסחים אז ווען מען קנעט סלת מיז מען יא אריין לייגן אביסל וואסער, במילא איז עס יא געווען מוכשר לקבל טומאה, איז די ברויט יא טמא געווארן, וועגן דעם האט מען זיי נישט געגעבן ברויט.

די גמרא זאגט אין מסכת שבת אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל מקבל זיין די תורה האבן די מלאכים גע'טענה'ט **תנה הודך על השמים, צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם,** און ער האט זיי געזאגט **לא זה שאכלתם בתוך ביתו בשר בחלב.** לכאורה איז שווער זיי האבן דאך געגעסן קודם די מילך און נאכדעם די פלייש, און דאס איז מותר? מוז מען ענטפערן אז די הלכה איז, אז נאך מילך דארף מען מאכן קינוח, און זיי האבן דאך נישט געקענט מאכן קינוח, ווייל די גמרא זאגט אין קינוח אלא בפת, און זיי האבן דאך נישט געהאט קיין ברויט.

קומט אויס אז דורך די חכמה פון שרה וואס זי האט געזאגט אז מען זאל געבן סלת האבן די אידן באקומען די תורה און נישט די מלאכים.

ווייל אויב מען וואלט געגעבן קמח וואלט עס דאך נישט טמא געווארן, ווייל עס האט נישט קיין וואסער נאר מי פירות, וואלטן די מלאכים יא געקענט מאכן א קינוח, און זיי וואלטן נישט עובר געווען אויף בשר בחלב, במילא וואלטן די מלאכים באקומען די תורה, אבער יעצט אז שרה האט געזאגט אז מען זאל געבן סלת האט מען דאך געמוזט אריין לייגן וואסער, איז עס דאך יא טמא געווארן, במילא האבן זיי נישט געקענט מאכן קינוח, און זיי האבן יא עובר געווען אויף בשר בחלב, במילא האבן זיי נישט באקומען די תורה נאר די אידן.

דאס קען זיין פשט **פיה פתחה בחכמה,** זי האט געזאגט מען זאל געבן פאר די מלאכים **סלת** און נישט **קמח,** וואס דאס האט גורם געווען אז זיי זאלן נישט עסן ברויט, ווייל **ותורת חסד על לשונה,** כדי די אידן זאלן מקבל זיין די תורה. (חת"ם סופר)

## ענינים וטעמים

### מאכלי חלב

שבועות אינדערפרי עסט מען א מילכיגע סעודה, נאך איידער מען וואשט זיך צו די יום טוב'דיגע סעודה (רמ"א) מיט א הפסק פון א האלבע שעה אינצווישן.

מ'דארף אינזין האבן צו לייגן א אנדערע טישטוך צו די פליישיגע סעודה (מ"ב ס"ק ט"ז). אויך דארף מען זיך גוט אויסגעשווענקן דאס מויל כדי ס'זאל נישט בלייבן קיין שיריים פון די מילכיגס צווישן די ציין.

### מגילת רות – תהלים

ס'שטייט אין ירושלמי (חגיגה פ"ב ה"ג) אז דוד המלך איז נפטר געווארן שבועות, די גמרא זאגט (ראש השנה דף י"א ע"ב) אז צדיקים שטארבן אינעם זעלבן טאג וואס זיי זענען געבוירן, וועגן דעם לייענט מען אין דעם טאג מגילת רות, ווייל דארט ווערט אויסגערעכנט דער יחוס פון דוד המלך (בני יששכר). מ'פירט זיך אויסצוזאגן גאנץ תהלים אין שבועות, ווייל עס איז די יארצייט פון דוד המלך

## אוצר הידיעות

# המצוה של הבאת שתי הלחם בחג השבועות

דער פופציג'סטע טאג פון ספירת העומר איז דא א מצוה צו ברענגען אין בית המקדש צוויי ברויטען "שתי הלחם", חוץ פון די קרבן מוסף וואס מען האט מקריב געווען יעדן יו"ט.

די שתי הלחם האט געמוזט זיין פון די נייע תבואה וואס איז געוואקסן יענע יאר, און די תבואה האט געדארפט קומען דוקא פון ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ממושבתיכם תביאו.**

מען האט גענומען דריי סאה פון די נייע ווייץ, און מען האט עס צושטויסען אזוי ווי אלע מנחות, און נאכדעם האט מען עס צומאהלען אויף מעהל, און דורך געזופט צוועלף מאהל, ביז עס איז ארויס געקומען **שני עשרונים**, מען האט גענומען יעדן עשרון עקסטער, און אריין געלייגט אין דעם **שאור**, וואס איז חמץ אזוי ווי די פסוק זאגט **חמץ תאפינה**, און געמאכט פון דעם ברויטן, די ברויטען זענען געווען פיהר עקעדיג, די לענג איז געווען זיבן טפחים, און די ברייט איז געווען פיר טפחים, און די הויך פיר אצבעות.

דערנאך האט מען גענומען די צוויי כבשים וואס זענען געווען שלמים, און מען האט זיי ביידע גע'שחט'ן, און גענומען די חזה מיט די שוק, און געלייגט לעבן די שתי הלחם, די כהן האט אונטערגעלייגט זיינע הענט אונטער די חזה ושוק מיט די שתי הלחם און געמאכט תנופה, מוליך ומביא מעלה ומוריד אזוי ווי ביי אלע תנופות, מען האט מקריב געווען די שלמים, די איבעריגע פלייש און די שתי הלחם האט מען צוטיילט צווישען די כהנים, דער כהן גדול האט גענומען איין לחם, און מיט דער אנדערער האבן זיך אלע אנדערע כהנים צוטיילט. און עס איז געגעסען געווארן נאך אין יענעם טאג, ליום ולילה.

די גמרא (ר"ה טז.) זאגט: **אמר רבי יהודה משום רבי עקיבא "מפני מה אמרה תורה הביאו שתי הלחם בעצרת"**, פארוואס האט די תורה געהייסן ברענגען די שתי הלחם דוקא אין שבועות, **"מפני שעצרת זמן פירות האילן"**, שבועות איז די צייט וואס מען איז דן די פירות פונעם בוים, **"אמר הקב"ה, הביאו לפני שתי הלחם בעצרת, כדי שיתברכו לכם פירות האילן"**, ברענקט מיר די שתי הלחם אין שבועות, כדי די פירות פונעם בוים זאלען ווערן געבענטש.

דער רמב"ן זאגט, אז דערפאר האט די תורה געהייסען ברענגען די שתי הלחם דוקא פון חמץ, ווייל דאס איז אזוי ווי א קרבן תודה אויף די נייע תבואה וואס האט שוין געוואקסן, און ביי א קרבן תודה איז אויך געווען דארט ברויט פון חמץ

# המצוה של הבאת ביכורים בחג השבועות

איינע פון די מצוות דאורייתא וואס די יודען האבן מקיים געווען בזמן שבית המקדש היה קים, איז געווען די מצוה פון הבאת ביכורים וואס האט זיך אנגעהויבן אין די צייט פונעם יו"ט שבועות.

די מצוה איז: יעדע יוד וואס האט געהאט א פעלד, וואס איז דארט געוואקסן איינע פון די **שבעת המינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל**, איז אריין געגאנגען אין זיין פעלד אין דער צייט וואס די פירות הייבען אן צו ווערן געצייטיגט, און ווען ער האט געזעהן א פרי וואס איז געצייטיגט, האט ער דאס אנגעבונדען מיט א רויטע בענדל און געזאגט "הרי אלו ביכורים".

צו די פירות האט מען צוגעלייגט נאך שיינע פירות אפילו פון די נישט די ערשטע געצייגטע פירות פאר **"תוספות ביכורים"**, און מען האט אריין געלייגט אלע פירות אין א שיינע קויש, אויב די בעל הבית איז געווען א עושר, האט ער געברענגט זיין ביכורים אין א קויש פון גאלד אדער פון זילבער, און אויב די בעל הבית איז געווען א ארימע מאן, האט ער עס געברענגט אין א קויש וואס איז געפלאכטען פון שיינע מיני בלעטער.

די ביכורים האט נישט יעדער איינער געברענגט ווען ער האט געוואלט, נאר מען האט איינגעטיילט ארץ ישראל אין 24 מעמדות כנגד די 24 משמרות כהונה. אלע שטעט פון יענע געגענט האבן באלאנגט צו איין מעמד, און יעדע מעמד האט געהאט איין הויפט שטאט וואס מען האט עס גערופען "עיר המעמד", אין דעם עיר המעמד האבן זיך פארזאמלט אלע וואס ברענגען ביכורים, כדי מען זאל צוזאמען גיין קיין ירושלים, ווי די פסוק זאגט אין משלי (יד כח), **"ברוב אים הדרת מלך"**.

ווען מען איז געווען גרייט צו גיין קיין ירושלים, וואס דאס איז געווען עטליכע טעג פאר שבועות, האט דער ממונה אויסגערופען "קומו ונעלה ציון אל בית אלוקינו", לאמיר אלע ארויף גיין קיין ירושלים צום בית המקדש.

עס איז געווען א שור וואס איז געגאנגען פאר די גאנצע חבורה, און זיינע הערנער זענען געווען מצופה זהב, און אויף זיין קאפ האט מען געמאכט א קרוין פון בלעטער פון א זית בוים, ווייל די בלעטער פון א זית בוים זענען די שענסטע בלעטער פון אלע שבעת המינים, צום סוף האט מען מקריב געווען דעם שור פאר א שלמים.

אויפן גאנצע וועג, ווי די מביאי ביכורים זענען אנגעקומען, האט די מוזיק געשפילט פאר זיי, און זיי זענען קיינמאל נישט אריין געגאנגען אין א הויז צו שלאפן, נאר זיי האבן גענעכטיגט אויף די גאס, כדי די מצוה זאל האבן א פירסום, און כדי זיי זאלן נישט טמא ווערן.

ווען זיי האבן זיך דערנעטערט קיין ירושלים, האבען אלע ארבעטס מענטשען פון ירושלים זיך אויפגעשטעלט פאר זיי און שלום געגעבען. זיי האבן געשיקט שלוחים זאגן אז זיי קומען אָן, און די אלע ממונים אויפן בית המקדש מיט די אלע גזברים זענען ארויס געקומען זיי מקבל פנים צו זיין, אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען צום הר הבית, האט יעדער גענומען זיין קויש אויפן פלייצע, אין ארויף געטראגן די בארג. אפילו א מלך בישראל אזוי ווי אגריפת המלך וואס איז געווען בבית שני, האט אויך געטראגן אליין די ביכורים אויף זיין אקסל מיט גרויס שמחה.

ארייגקומענדיג אין בית המקדש האבן די לוים מקבל פנים געווען די מביאי ביכורים מיט די זמר "**ארוממך ה' כי דליתני ולא שמחת אויבי לי**", און די שמחה דמצוה איז געווען זייער גרויס.

האבענדיג די קויש אויף די אקסל, האט די בעל הבית געלליינט די פרשה פון ביכורים, פון "**והגדתי היום**" ביז "לתת לנו", און ווען די בעל הבית האט אראפ גענומען די קויש פונעם אקסל, האט די כהן אונטער געלייגט זיינע הענט און צוזאמען געמאכט תנופה מיט די פירות. דערנאך האט די בעל הבית געלליינט די פרשה פון "**ארמי אבד אבי**" וגו' (קרייה), און אראפ געלייגט די ביכורים לעבן די מזבח ביי די עק פון דרומית מערבית (הנחה).

מיט די ביכורים האט מען אויך געברענגט טויבן, וואס האבו געהאנגען אויף די זייט פונעם קויש, (נישט אויפן קויש כדי זיי זאלן נישט שמוציג מאכען די פירות). די טויבן האט מען מקריב געווען פאר א עולה, און אויך די שור מיט די גאלדענע הערנער, האט מען מקריב געווען פאר א שלמים. די ביכורים מיט די שלמים האט מען אויסגעטיילט צווישען די אנשי משמר.

די מביאי הביכורים זענען נישט אהיים געגאנגען אין יענע טאג, נאר זענען געבליבען נעכטיגען אין ירושלים, און יענע טאג איז געווען פאר זיי א יו"ט.

# אוצר רבותינו

## טאנץ פארן דאווענען

ווען הגה"ק בעל קול ארי' ממאד זצוק"ל איז געווען אויף שבועות אין צאנז, איז ער געקומען איינמאל אינדערפרי אין בית המדרש, און ער האט גענומען א גמרא און זיך געזעצט לערנען בעיון.

אינצווישן איז אנגעקומען דער זמן תפילה. און דער באקאנטער גביר און חסיד רבי יוסף לייב כהנא ז"ל פון סיגוט איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, און ער האט געזעהן ווי דער קול ארי' זיצט און לערנט, איז ער געווארן צופלאמט און ער האט זיך גענומען צו טאנצן און זינגען מיט א געוואלדיגע שמחה.

דער קול ארי' דרייט זיך אויס צו רבי יוסף לייב און ער פרעגט אים 'לשמחה מה זו עושה?', האט רבי יוסף לייב געזאגט 'איך האב אריינגעטראכט ווי אזוי וואלטן מיר ווען אויסגעזעהן ווען דער אייבערשטער גיט אונז ווען נישט די תורה, איר (דער קול ארי' ז"ל) מיט אייער שארפער מח וואלט איר אוודאי געווען א גרויסער מיניסטער אין די מדינה, אבער איך, א פשוט'ער איד, וואלט איך געווען א פראסטער דארפסמאן, א האלץ האקער, ווי גליקליך בין איך אז איך בין א איד און איך קען האבן א חלק אין די תורה הקדושה".

ווען דער קול ארי' האט געהערט זיינע טייערע ווערטער איז ער געווארן זייער איבערגענומען, ער האט פארמאכט די גמרא און ער האט זיך אנגעכאפט מיט רבי משה ארי' און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן מיט איהם, אינצווישן זענען אנגעקומען אין בית המדרש די אנדערע חסידים, און יעדער האט זיך צוגעשטעלט צום פייערדיגן טאנץ, און דאס האט אנגעהאלטן מיט א מורא'דיגן ברען ביז ווען דער הייליגער דברי חיים איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, און ער האט זיך זייער געוואונדערט אויפן נייעם מנהג פון טאנצן שמחת תורה אינדערפרי פארן דאווענען. הערנדיג די מעשה שהיה האט ער זייער הנאה געהאט דערפון, און ער האט דאס אויסגעלויבט.

## אוצר הידיעות

### די 'סנה שטיינדלעך'

איינע פון די לעבעדיגע עדות וואס עס געפונט זיך ביזן היינטיגן טאג אלס זכר פונעם בארג סיני זענען די 'סנה שטיינדלעך', וואס געפונען זיך אויפן בארג סיני.

די קליינע שטיינדלעך וואס געפונט זיך אויפן בארג סיני האט אויף זיך אויפגעמאלן א צורה פון א סנה, א רמז צום סנה אין וועלכן השי"ת האט זיך צום ערשטן מאל באוויזן צו משה רבינו אויף דעם בארג. די פלא פון די שטיינדלעך איז אז וויפיל מאל מ'זאל דאס צוברעכן וועט מען טרעפן אינעווייניג נאכאמאל די צורה פון א סנה.

דער וואונדערליכער פאקט שטייט שוין פון רבינו שם טוב האפודי והנרבוני א פירוש אויפן מורה נבוכים וז"ל: "דע כי הר סיני העידו עליו כי האבנים הנמצאים בו יצוייר עליהם הסנה, ולכן נקרא ההר ההוא סיני על שם הסנה כמו שנגלה ה' למשה מתוך הסנה, ואחד מנכבדי ברצילנ"ה מבני בן חסדאי הביא עמו מן האבנים ההם, וראיתי בו הסנה מצוייר בתכלית הציור, והציור ציור אלקי, ושברתי האבן לחצאים ונגלה הסנה בכל חלק וחלק, וחלקתי אותו החלק לחצאים ונמצא הסנה מצוייר בשטח כל חלק בפנימיותו, וכן פעמים רבות עד שהיו החלקים כדמות בוטנים ועדיין הסנה בהם, ונפלאתי על זה ושמחתי עליה מאד" עכ"ל. ועי' בספה"ק מגלה עמוקות (פר' שמות) בזה.

דער ערבי נחל שרייבט אז די שטיינער זענען די איינציגסטע שטיינער אויף די וועלט, וואס אפילו מ'זאל דאס צוברעכן אויף צען טויזענט וועט מען נאך אלס טרעפן דעם סנה. און עס איז נישטא נאך אזא מציאות בעולם אז עס זאל זיין א שטיין מיט א בילד דערין.

אויך הגה"ק רבי יעקב עמדין ז"ל ברענגט אז ער האט חוקר געווען דאס ענין פון די וואונדערליכע שטיינער, און ער טוט באשטעטיגן די געוואלדיגע פליאה, וואס איז א לעבעדיגער עדות אויפן מעמד הר סיני.

היינט צוטאגס האבן חוקרים פעסט געשטעלט אז אפילו ווען מ'צומאלט דעם שטיין אויף פיצלעך, און מ'קוקט דאס דורך א פארגרעסערונג גלאז, קען מען אויף יעדן ברעקל זעהן דאסבילד, וואס דאס האט נישט קיין שום הסבר בדרך הטבע

---

טייערער תלמיד! אין די געהויבנע טעג פונעם יום טוב שבועות, נישט פארגעסן:

❖ **תיקון ליל שבועות:**

❖ **סוף זמן קריאת שמע: (8:33)**

❖ **מיט זאגן די יוצרות:** יוצר בשחרית ביום ראשון ושני,

❖ **מגילת רות:** דעם צווייטן טאג פאר'ן ליינען:

❖ **מיט האלטן דאס ליינען פון אינעווייניג:**

❖ **תהלים** זאגן א גרויס חלק (אינעם יארצייט פון דוד המלך):

**א פרייליכ'ן יום טוב**

**פאר אלע חשוב'ע תלמידים!!**

## יגעת ומצאת

לכבוד די הילולא קדישא וועלן מיר אי"ה לערנען די "יגעת ומצאת" איבער די יארצייט פונעם מייסד החסידות מרן אור שבעת הימים הבעל שם טוב הקדוש

**דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז געבוירן געווארן, ביום, שנת, זיין יארצייט איז, זיינע קינדער זענען געווען: 1) בנו ,2) בתו, ווער זענען געווען זיינע גרויסע תלמידים: (רעכן אויס לכה"פ פינף נעמען): , וועלכע זאכן וואס דער בעש"ט האט מתקן געווען איז געבליבן ביי אונז עד ימינו אלה? 1) (שו"ת דברי חיים ח"ב סי' ח') 2) (מאור ושמש פר' אמור) ,3) , (מאור עינים פר' בשלח) 4) , וואס שרייבט רביה"ק אין ספה"ק ויואל משה זי"ע (מאמר שלש שבועות סי' קפ"ה) איבער דעם "דרך הבעש"ט" זי"ע ווער איז געווען דער ממלא מקום פונעם בעש"ט זי"ע?, ווען האט דער מעזריטשער מגיד געשיקט פארשפרייטן חסידות אין פוילן?, אין ווייס-רוסלאנד?, אין ליטע?, אין דייטשלאנד?, ווער איז געווען דער ערשטער חסיד'ישער רבי אין אונגארן?.**